צווישן אנדערע, האבן די חסידים - ובראשם הגה"ח ר' ברוך'ל קאנענגיסער ז"ל הי"ד - געפונען פאר נויטיג צו פראוון בצבור סעודות מלוה מלכה, ביי וועלכער געלעגנהייט זיי האבן באפעלזנט און באפעסטיגט די הייליגע אמונה אין הארץ דורך סיפורי צדיקים און חסיד'ישע שמועסן. כאטש זיי האבן געוואוסט אז אויב וועלן די דייטשן ימ"ש טרעפן א צאל מענטשן פארזאמלט אין איין הויז ביינאכט, וועלן זיי זאפארט אומברענגען די אידן מיט'ן חשד אז זיי גרייטן זיך צו אן אויפשטאנד. דאך האבן די אידן בשום אופן נישט געוואלט פארציכטן אויף דער סעודה פון דוד מלכא משיחא, און עס האבן זיך וועכנטליך פארזאמלט פערציג פערשוין אין קעלער פון הרה"ח ר' ישעי' ווייצען הי"ד, און ביי דער שיין פון אן איינציג לעכטל האבן זיי שטילערהייט געפראוועט די סעודת מלוה מלכה.

**רבינו מהר"ש זצ"ל** וואס האט געהאט אונגארישע פאפירן, האט דאן געוואוינט אויסער'ן געטא. ווען ער האט זיך דערוואוסט אז אין פלויט וואס האט ארומגעצוימט דעם געטא איז פאראן א געוויסער ארט וואו מען קען אוועקרוקן א ברעט און זיך אריין באקומען אויף דער אנדערער זייט פון צוים, האט רבינו זיך געלאזט גיין יעדן מוצאי שבת צום געטא און האט זיך אריינגעשמוגלט אינעווייניג. דער אקט איז געווען פארבונדן מיט מסירת נפש ממש, ווייל אפילו א גוי וואס מען האט געטראפן אין גאס נאך 8:00 ביינאכט האט מען אין מאמענט דערשאסן. אבער רבינו האט זיך איבערצייגט אז זיין ערשיינונג און זיינע שמועסן בלאזן אריין פיל דערמוטיגונג און התחזקות אין אלע אנוועזנדע, און ער האט דעריבער נישט געקענט ביי זיך פועל'ן זיך צוריקצוהאלטן פון זיין א מזכה את הרבים.

צווישן די סיפורי צדיקים, האט רבינו אויך געלערנט מיט די אידן מיט וועלכע כוונות און מיט וואסערע שמחה מען זאל זיך לאזן אומברענגען אויף קידוש השם אויב דער מאמענט קומט אן. און אויב ווידער דער רצון הבורא איז צו פארבלייבן לעבן, דאן מוז מען שפעטער דאס גאנצע לעבן אוועקגעבן פאר'ן באשעפער צו דינען און לויבן אים און אויפהערן און צו ערציען די קינדער לתורה וליראת שמים כדי ממשיך צו זיין די הייליגע שושלת וואס ציט זיך פון אברהם אבינו.



ספר אוצר המלכות (מועדים הודפס מתוך אוצרות התורה, עמוד 47